שנה ד'
גליון ס"ז

**חיי שרה-תולדות**
תשפ"ה לפ"ק

פאפא

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי • י"ל ע"י 'מערכת קהלת יעקב' דחסידי פאפא

**מדור שיחות קודש** — א

בתוכן:

השתתפות האבות אצל השמחה / **מסירות נפש בימינו אלה** / התפחות שערי חכמה בשנת ת"ר / **השגצ'ל שבלב כל אחד** / פרנסת הנפש / **גמילות חסד אצל מרן ז"ל** / מהפיכה של 'והגית' / **דגוש של היצר הרע נגד לימוד דף גמרא** / חשיבות העסקנים / **התמדת הלימוד אצל מרן ז"ל** / מנין שאפילו אחד שיושב ועוסק בתורה / **חבורה לסיים ש"ס בעיר פאפא** / עיר פאפא מקום החסד / **ועוד**

**מדור דברות קודש** — יז

בתוכן:

**השפעות לפי האמונה** / עבודת ריקודים של שמחה / **תקיעת שופר של מרן מהרי"ד מבעלזא** / יתקע שופר בעיר / **ברכות לרוב** / בכל יום כחדשים / **ועוד**

**מדור חסידים דערציילן** — כא

התלמיד קרוי בן / **תנועה בשעת הבדלה** / רדיפות אומות העולם / **הכנה לשיעור** / הבורח מן הכבוד

שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק האדמו"ר מסקולען-מאנסי שליט"א** בקודש פנימה אצל דודו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יום ב' שלח תשפ"ד לפ"ק**

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** כ'האב א גריס פון שטעטל [קרית פאפא], איך בין היינט דארט געווען לאדענען דעם זיידן כ"ק מרן זצוק"ל פאר די חתונה פון מיין קינד.

שיחת קודש אצל האסיפה בביתו נאוה קודש לקראת **חגיגת יובל העשור להתייסדות מפעל והגית דחסידי פאפא** — ט

**יום שכולו תורה, יום שכולו ארוך.**

**יום שאלפי חסידי פאפא יבואו בברית יחד לחגיגת עשר שנות עמילות בתורה והרמת קרן התורה, ויהי חלקינו עמהם!**

"וחשבתי דמאחר שבימים הקדושים העעל"ט הגשנו בקשת תורה הק' התחננו בבקשה פני הצור וכו'

**בכן בכינוס זה בעסק התורה המונית ממשיכים בקשה זו גם להלאה ומראים בזה הבטחון שאכן בקשתנו נתקבלה כי בתורה הקדושה נכלל כל ההשפעות טובות"**

מתוך אגרת הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לקראת חגיגת יובל העשור לייסוד מפעל התורה "והגית" דחסידי פאפא

**מרן שליט"א**: ברוך ה', אבי ס'איז דא שמחות, דאס איז דער עיקר, דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל טאקע זיין שמחות.

**והתעניין כ"ק מרן שליט"א**: וואס מאכט מען? וואס הערט זיך עפעס?

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: איך בין געקומען צום פעטער, אז דער פעטער זאל משפיע זיין מ'זאל עפעס טון...

**מרן שליט"א**: כ'וועל אייך זאגן, דער עיקר איז אז דער אויבערשטער העלפט, נאר וואס דען? זכות אבות קען אביסל צוגעבן, אבער דאס אליינס אז זכות אבות זאל צוגעבן דארף מען זוכה זיין דערצו פון אויבן.

מ'לאדענט איין די עלטערן צום שמחה, ווייל אז א קינד בעט פון א טאטן אז ער זאל קומען, קומט ער. כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל פלעגט צו זאגן: "כ'ווייס נישט צי אונז זעען זיי, אבער זיי זעען אונז". דאס אז זיי זעען אונז איז שוין אויך א גרויסע זאך! אתה הראת לדעת (דברים ד, לה), דער אויבערשטער האט אונז אנגעקוקט.

די ראי' איז דאך א גרויסע זאך, און פארקערט אויך וואס רחמנא ליצלן נישט א גוטע ראי' שאדט דאך אויך, אזוויי ס'שטייט אין פרשת מטות (במדבר לא, נ - רש"י ד"ה וכומז) לכפר על הרהור של בנות מדין, ס'איז נישט פשט אז ס'איז געווען א הרהור פון אידישע קינדער, נאר דער הרהור פון די בנות מדין דאס האט געשאדט, און מה-דאך אז ס'שאדט, איז דאך מדה טובה מרובה וואס א גוטע ראי' ברענגט, אז די אבות קוקן אונז אן איז דאך דאס נישט קיין פשוט'ע זאך! אונז דארפן זיך צוגרייטן דערצו.

אונז האבן דאך נישט קיין השגה וואס דאס מיינט אז נשמות דרייען זיך פון איין וועלט צום צווייטן, דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך! דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך! באופן גשמי קען מען זיך פארשטעלן די זאך, אז מ'פארט אויף עפעס א ווייטע נסיעה, מ'פארט אהער און מ'פארט אהין, און ס'גייט בכלל נישט אזוי פשוט, אבער אז ס'שטייט אז זיי קומען אראפ צו א שמחה, קומען זיי!

דאס איז לאו דווקא ביי חתונות, אין זוהר הק' שטייט (פ' פנחס דף ריט:) אז זיי קומען אראפ צו שמחות סתם [א].

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: דער יסוד ושורש העבודה ברענגט (שער השמיני פרק שלישי) אז אפילו פרייטיג צונאכטס

---

**א.** לשון קדשו של הזוהר הק' שם: ומנלן דאית לון לישראל לשתפא לקודשא בריך הוא ושכינתיה בחדוה דלהון, דכתיב (תהלים קמט, ב) ישמח ישראל בעושיו, ההיא חדוה דישראל לאו איהו אלא בעושיו. בעושיו, בעושו מבעי ליה, אלא אלין קודשא בריך הוא ושכינתיה ואביו ואמו, דאף על גב דמיתו, קודשא בריך הוא אעקר לון מגן עדן, ואייתי לון עמיה לההוא חדוה, לנטלא חולקא דחדוה עם קודשא בריך הוא ושכינתיה, כמה דאת אמר (איוב מ, יט) העושו יגש חרבו.






ווען מ'האט א שמחה של מצוה פון קידוש, קומען די נשמות פון אויבן אראפ.

**מרן שליט"א**: ס'ווערט געברענגט אן עובדא אז הרה"ק רבי מאטעלע הורנסטייפלער זי"ע איז דאך געווען אן איידעם ביי הרה"ק צאנזער רב זי"ע, און הרה"ק דער טשערקאסער זי"ע איז געווען דער זיידע פונעם חתן דער הורנסטייפלער זי"ע. פאר'ן חתונה האט צאנזער רב אלעס אוועקגעטיילט פאר צדקה, און ווען ס'איז געקומען צום חופה האט ער נישט געהאט די נדן, האט דער טשערקאסער געזאגט אז מ'גייט נישט צום חופה אן די נדן, נאך א דין ודברים איז דער טשערקאסער געגאנגען און זיך אויפגעהויבן פון דארט און אוועקגעגאנגען מיט'ן חתן, און זיך געזעצט לערנען.

נאך א שטיק צייט האט זיך דער טשערקאסער מיישב געווען אז ער גייט יא צום חופה, און ער האט געזאגט אז מ'האט אים מגלה געווען אז זיין טאטע הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבלער זי"ע שטייט שוין דארט ביים חופה, און אויב אזוי מוז ער שוין גיין.

זייערע אויגן האבן געזען! ס'איז גענוג אז מ'רעדט פון צדיקים און מ'האט אביסל השגה. מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי (תדב"א פרק כה), 'מתי יגיעו מעשי' טייטשט 'ווען וועלן מיינע מעשים דערגרייכן', ווער רעדט זיך דען איין אז ער קען דערגרייכן? נאר פשט איז אז ס'איז מלשון 'נגיעה', אז מ'זאל כאטש האבן עפעס א שטיקעלע נגיעה למעשה אבותי.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: אזוי האט מען אמאל געטייטשט אז ס'זאל כאטש אנרירן, אבער היינט הייסט א נגיעה אז מ'האט עפעס א קליינטשיגע שייכות צו די דרך האבות.

**מרן שליט"א**: דאס הייסט אזוי, כ'וויל עס אפטייטשן; די שפראך ווערט דאך אלץ מער ביליגער, וואס היינט הייסט מסירות נפש האט אמאל נישט געהייסן מסירות נפש, היינט רעדט מען מיט אזא ברייטע שפראך, און אויף יעדע זאך וואס קומט אן שווער נוצט מען די אויסדרוק 'מסירות נפש'...

אבער אויף דעם דארף מען וויסן אז לאז כאטש מ'זאל האבן די היינטיגע מסירות נפש, אבי א איד שטרענגט זיך אן! און דער אמת'ער תירוץ דערויף איז, אז לויט די היינטיגע נסיונות און די היינטיגע שווערקייטן און די היינטיגע דורות, איז עס טאקע א זאך! מ'פלאגט זיך מיט נסיונות וואס איז אמאל נישט געווען; וואו איז געווען אמאל אזעלכע נסיונות וואס ס'איז דא היינט?! וואו מ'דרייט זיך בלאזן אויף די גאס ווינטן, און ס'איז נאר דא איין עצה אז מ'נעמט זיך ארום מיט תורה ומצוות און עבודת ה', דאס שטערט אביסל פון די ווינטן, אבער סתם אזוי איז דא ווינטן וואס בלאזן אריין איבעראל.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: די ווינטן זענען סיי אויף עניני ראי' און סיי אויף עניני שמיעה, אפגערעדט פון די נסיון פון די כלים, אבער וואס מ'קען זיך אלץ צאמהערן היינט אויף טעלעפאן-ליינ'ס, קען מען קומען דערפון חס ושלום צו א הירוס.

**מרן שליט"א**: ס'איז נישט דאס, נאר אמאל איז נישט געווען אזויווי היינט, אמאל האט א קינד געוואוסט: "וואס האסטו צו צוהערן וואס די עלטערע רעדן?"... אפגערעדט אז א קינד האט נישט געהאט קיין צוטריט צו א טעלעפאן; היינט איז געווארן עפעס אזא מין זאך אז יעדער קינד דארף אלעס האבן.

האט דען אמאל יעדע שטוב געהאט עיר-קאנדישען? ס'איז נישט געווען אזא זאך! אבער היינט אז איין שטוב אינעם הויז האט נישט קיין עיר-קאנדישען איז עס א גאנצע פראבלעם. איך געדענק ווען כ'בין געווען א יונגל אז טאמער כ'בין געווען ביינאכט צו הייס אויפ'ן מאטראץ, האב איך מיר אראפגעלייגט שלאפן אויף די ערד... מ'האט עס אויסגעהאלטן!

היינט מוז יעדער האבן א טעלעפאן, און ס'מוז נאך זיין גאר באקוועם אז די טעלעפאן מוז שטענדיג זיין גרייט צו די האנט...

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי**: מיט איין דרוק קען מען זיך איבעראל פארבינדן. אמאל האט זיך כאטש די סבלנות געבויט פון 'דיילן' אליינס, ביז ס'האט זיך צוריקגעדרייט... אבער היינט קען מען שוין אלעס טון בלויז מיט איין דרוק, סבלנות האט אינגאנצן באנקראטירט.

**מרן שליט"א**: ס'שטייט דאך אין ספרים פון זוהר הק' (חלק א' דף קטז:) וואס ס'איז מרומז אין פסוק (בראשית ז, יא) בשנת שש מאות שנה לחיי נח, אז שש מאות שנים לפני אלף השישי

# מכתב קודש

## מאת כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

יעקב יחזקי' גרינוואלד
אבדק"ק "קהלת יעקב" פאפא

בס"ד

**לכבוד אנ"ש החשובים והיקרים כ"א בשמו יבורך**

הנני בזה בעת שאנ"ש מתכוננים להתוועד בגוף ובנפש בהתאסף ראשי עם זקנים ונערים, חסידים ואנשי מעשה מרחוק ומקרוב, לחזק את לימוד תוה"ק וכבוד התורה בכלל, ולחזק ענין קביעת עיתים לתורה, בדרך איש את רעהו יאמר חזק, אשר נקבע **ליום א'** לס' ויעקב איש תם יושב אוהלים הבעל"ט.

וחשבתי דמאחר שבימים הק' העעל"ט הגשנו בקשת תורה הק' התחננו בבקשה פני הצור וכו', בכן בכינוס זו בעסק התורה המונית ממשיכים בקשה זו גם להלאה, ומראים בזה הבטחון שאכן בקשתנו נתקבלה, כי בתוה"ק נכלל כל ההשפעות טובות כדאי' במשנה גדולה תורה שהיא נותנת חיים לעושי' בעולם הזה ובעולם הבא וכו'.

גם נכלל בו הודאה על העבר ותפלה על העתיד שנזכה להמשיך להתנהג בדרך התורה המסורה לנו אכי"ר.

ובהזדמנות זו יאות לנו לעמוד לימין ידידינו היקר הנכבד, החסיד המפורסם מו"ה **שלמה וועבער** הי"ו, העושה ומעשה, זיכה רבים וזוכה לפעול נצורות למען מפעל הנשגב "**והגית**" לרומם קרן התורה, והמפורסם אין צריך ראי'. ומצידי הנני להגיד להרה"ח הנ"ל את רגשי לבבי.

ובזכות אבוה"ק יה"ר שנזכה לכל מיני השפעות טובות, ולהשמר מכל צרה וצוקה, בבריות גופא ונהורא נפישא, עביגר"צ אכי"ר.

באעה"ח ליל ו', י"ד מרחשון תשפ"ה לפ"ק
פה ברוקלין יע"א

[שנת ת"ר] וועט זיך עפענען אסאך חכמות [ב]. אונז וועלן זוכה זיין צו חכמת התורה, און מיט דעם וועלן אונז קענען מדחה זיין זייערע חכמות; אין די תורה שטייט דאך אלעס, און אז מ'איז זוכה קען מען מדחה זיין זייערע חכמות.

זייער גאנצע קאפ ליגט זיי אין דעם, אבער זיי קומען אין ערגעץ נישט אן מיט זייערע חכמות, זיי זענען נישט אין דעם אמת, זיי זענען אינגאנצן פארלוירן. ביי זיי איז א מענטש נישט קיין מענטש, רציחה איז ביי זיי גארנישט, ס'איז נישט צו באגרייפן אין וואסערע וועלט מ'לעבט, און טאמער א איד לעבט נישט מצומצם אין עבודת ה' קומט דאס אריבער צו אונז ל"ע.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** ביי קבלת התורה איז דאך געווען די מצוה פון הגבלה, דאס איז אויך דער ענין אז מ'דארף זיין מצומצם אין עבודת ה'.

**מרן שליט"א:** כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל פלעגט צו דערציילן - כ'געדענק אמאל פורים ביים טיש ווי דער טאטע האט עס דערציילט - אז בימים ההם האט אים אמאל אנגערופן א 'ראביי' אז ער זאל אים העלפן, וויבאלד די קהלה האט א 'קארט-קעיס', אז מ'האט געפונען אז ימים טובים אינעם 'כאר' פונעם חזן האט געזינגען א שגצ'ל, און די קהלה וויל נישט באצאלן פאר'ן חזן, אבער דער 'קארט' פרעגט ווער זאגט אז א גוי איז נישט כשר צו זינגען... האט דער ראביי געבעטן פון טאטן ז"ל אז ער זאל אים ארויסהעלפן מיט וואס ער קען טענה'ן ביים געריכט. דער טאטע ז"ל האט אים דארט געזאגט עטליכע טענות, אז סתם מחשבת עכו"ם לעבודה זרה (חולין לח:), און נאך עטליכע טעמים.

האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "כ'האב נאכדעם געקלערט ביי מיר, ווי קומט צו מיר אזא שאלה? וואס האב איך מיט אזעלכע סארט שאלות?... אלא מאי כ'האב מורא אז ס'איז דא ביי מיר א שגצ'ל וואס זינגט מיט מיר"... דאס איז געווען די דרך פון ערליכע אידן אז מ'האט אלץ געטראכט אזוי.

אמאל פורים ווען דער טאטע ז"ל איז געווען בדיחא דעתיה האט ער דאס געגעבן א זאג [ג].

---

**ב.** לשון הזוהר הק' שם: ובשית מאה שנין לשתיתאה, יתפתחון תרעי דחכמתא לעילא, ומבועי דחכמתא לתתא, ויתתקן עלמא לאעלא בשביעאה, כבר נש דמתתקן ביומא שתיתאה מכי ערב שמשא לאעלא בשבתא, אוף הכי נמי, וסימניך (בראשית ז, יא) בשנת שש מאות שנה לחיי נח וגו', נבקעו כל מעיינות תהום רבה.

**ראה** בספה"ק שם משמואל (פ' כי תצא תרע"ה) מה שכתב דברי הרה"ק רבי יצחק מווארקע זי"ע בזה: וזהו ענין כל הגליות שישראל מסתבכין ממלכות למלכות, ובמה שישראל מנתקין עצמם מלדבוק בהם בזה עצמו הם מוציאין את בלעם מתוך פיהם, כי כל החכמות שבידם ומעט דרך ארץ שבשטחיות נראה יפה, הכל הוא מפאת חלקי הקדושה שנדבקו בהם מחמת שלא היו ישראל ראויין. וכמו שהגיד הרב הקדוש מהר"י מווארקא זצ"ל בהא דאיתא בזוה"ק בשית מאה שנין לשתיתאה יתפתחו תרעין דחכמתא לעילא ומבועי דחכמתא לתתא והגיד הוא זצללה"ה שכן הי' אלא באשר היו ישראל אז בלתי ראויין לה נמסרה החכמה לחיצונים, ומזה בא שמאז נתחדשה להם הרבה חכמה בחכמת הטבע. וכשנאמרו הדברים לפני כ"ק זקני האדומו"ר הגדול זצללה"ה מקאצק קלסם ואמר להמגיד לו כ"כ מרגניתא טבא הוה בידך וזה איזה ימים שהנך פה ולא הגדת לי. ותיקון לזה להוציא בלעם מתוך פיהם הוא במה שישראל מנתקין עצמם מהם ומואסים את ענינם עד שאינו מוצא חן בעיניהם והוא ממש כדמיון מצות יפת תואר לפי דרכנו הנ"ל.

**וראה** מה שכתב בשו"ת מנחת אלעזר (חלק ג סימן כה) אחר שמאריך בענין המצאות החדשות שנתחדשו בימינו אלה, כח העלעקטרי, מכשיר הטלפון, כלי קליטה וצילום, מכונת אוירון ועוד, ומסיים שם: ואולי הוא יען שאמרו חז"ל יש חכמה באדם תאמין, כדאמרינן במדרש רבה (איכה ב, יג), ולאשר בימינו הוא סוף יומיא דגלותא דאדום ויתגלה במהרה בימינו באמת אורו של מלך המשיח ביקרי' ותוקפי'. והנה את זה לעומת זה עשה האלקים, וכיון שהגיע כבר סמוך לקיצן ותכליתן של אדום, על כן יתגלה חכמתם ותחבולתם את אשר בכחם בעניני עולם הזה ותחבולותי' בלבד (כי בהפילוסופיא אלקיות רפו ידיהם, ואדרבה נתייאשו מלחקור בימינו אלו וירדו מלהבין בחכמה זו), ואע"ג דאינהו לא חזי מזלייהו חזי כי קרב קיצם ויעלו ויוציאו עתה כל חכמתם ותכליתם. אבל ישראל עם קרובו ית"ש לגדולה מזה מתוקנים באלפי אלפים פעמים יותר לאין שיעור, ובמיתי לי נהורא ותחפא להון בהתא וכו', על כן מקבלים חלקם עתה בעולם הזה כי קרב קצם כנזכר.

**וגם** כמו שכתב קדוש זקיני בספר אגרא דפרקא על פי דברי הזוהר הק' על הכתוב בשנת שש מאות שנה לחיי נח, כי בשנת ת"ר יתפתחון תרעין דחכמתא וכו', אשר ראינו כי בימים ושנים האלו נתגלו חכמות חיצוניות ותחבולות כאלו כנ"ל. בעוה"ר באשר לא זכינו, על כן נתגלו מצידם וחלקם החכמות האלו, עד שנזכה במהרה דידן ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים ויאירו עינינו באור חכמת האמת לאמתו ב"ב.

**ויצויין** מה שמובא בספר 'הרבי מישראל', מה שסיפר כ"ק האדמו"ר רבי דוד משה מקרעטשניף זצ"ל (עמוד ערה): כפי שהיה דבר זה בימי דודי הרה"ק הרבי ר' מאיר מפרעמישלאן זצללה"ה, ששלח אליו הרב הגאון הגדול רבי אברהם מבוטשאטש בעל מח"ס אשל אברהם על או"ח ודעת קדושים על אהע"ז, ושאל אותו בלשון קדשו: "רבי! עס איז שויו שנת ת"ר, וואס שווייגט איר?" (ענינו הוא דאיתא בזוהר בשנת ת"ר לאלף הששי יתפתחון תרעין דחכמתא ורבים פירשוהו לענין הגאולה), ענהו דודי הרה"ק הרר"מ מפרעמישלאן זצצל"ה בזה הלשון: "מיר האבן בקבלה אז אין קיין גיהנום זאכן מישן מיר זיך נישט".

**ג.** מעוניין להציג פה לשונו המתוק של הרה"ח ר' אהרן טויבער ז"ל כשסיפר את העובדא (מארכיונו של הרה"ח ר' שמואל מאיר ניישלאס הי"ו יו"ר מכון גנזי אור): פעם באמצע שלחן הטהור ביום הפורים אחר שקיים כ"ק מרן ז"ל את החיוב לבסומיא בפוריא והיה בדיחא דעתיה, אירע שאחד מהאנשים אשר היה מחופש כ'ליטוואק' קפץ על השלחן, וכמה מהחסידים התחילו לצעוק עליו: "ליטוואק אראפ פון טיש"... קרא

מרן ז"ל ואמר: "איך וועל ענק דערציילן א מעשה וואס איך האב געהאט מיט א ליטוואק"...

**וסיפר** מרן ז"ל: "אמאל שפעט ביינאכט האט דער טעלעפאן געקלינגען ביי מיר, האב איך אויפגעהויבן, און געהערט ווי איינער זאגט [במבטא ליטאי]: "פּאָפּא'ווע רב, פּאָפּא'ווע רב, א שֵׁאלה!" האב איך שוין געזען מיט וועמען איך רעד, און כ'האב אים געזאגט אז איך פסק'ן נאר פאר מיינע מענטשן, האט מיר יענער געזאגט: "פּאָפּא'ווע רב, ראטעוועט!" אז א איד זאגט 'ראטעוועט' איז אן אנדערע זאך, האב איך אים געפרעגט וואס די שאלה איז, האט ער מיר געזאגט אז זיין זון איז א ראבּי אין שול, און דער ראבּיי האט ראש השנה אויפגענומען א חזן, און דער חזן האט געהאט א 'כאר', און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינער פון די 'כאר' איז א שגצ'ל, און אז מ'איז דאס געוואויר געווארן האט מיין זון גע'פסק'נט אז מ'מוז נישט באצאלן פאר'ן חזן.

**דער** חזן האט זיך נישט געלאזט און ער האט אים אנגעקלאגט אין 'קארט', האט דער 'קארט' געזאגט אז דער חזן איז דאך א איד און נאר דער העלפער איז נישט קיין איד; טאמער דער ראבּיי קען איבערצייגן אז לויט די אידישע הלכה קען אפילו די העלפער אויך נישט זיין קיין גוי נאר אזוי איז ער גערעכט. האט דער איד געזאגט אז מ'האט שוין דורכגעמישט ש"ס ופוסקים און מ'טרעפט נישט אזא זאך".

**ואמר** מרן ז"ל: "איך האב אים געזאגט עטליכע זאכן, איינס אז תפלות האט מען מתקן געווען נגד תמידים, און דער רמב"ם פסק'נט אז ביי קרבן תמיד טאר א העלפער אויך נישט זיין קיין גוי", וכה פירט מרן ז"ל עוד איזה היתרים מה שאמר לו.






**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** ס'איז דאך ידוע אז דער בעל שם הק' זי"ע האט געזען אמאל א חילול שבת, האט ער זיך איבערגעקלערט ביי זיך וואסערע שמץ ער דארף מתקן זיין פון דעם חטא.

*

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי עמד ממקומו והגיש 'קוויטל', ואיחל כ"ק מרן שליט"א:**

דער עיקר איז אז מ'זאל זיין געזונט און שטארק.

---

**אחר** כך נתלהב מרן ז"ל והכה את ראשו בתוך הבקבוק יין שעל השלחן ואמר: "ביינאכט ווען כ'האב מיר געלייגט שלאפן האב געקלערט צו מיר, רבונו של עולם! וואס האב איך חוטא געווען? ווי קומט צו מיר אזא שאלה?! נאכדעם איז מיר איינגעפאלן אז מ'שטייט און מ'דאווענט פאר'ן אויבערשטן און דער שגצ'ל כאפט זיך אריין אין מיר, וועגן דעם איז צו מיר געקומען אזא שאלה"...

**וסיפר מרן שליט"א:** אמאל ווען דער טאטע ז"ל איז געווען ביי כ"ק מרן מבעלזא זי"ע האט ער זיך מזכיר געווען און געזאגט: "רבי, איך דארף פרנסה", האט דער רב ז"ל איבערגעפרעגט ווי ער הערט נישט וואס ער זאגט, האט דער טאטע ז"ל געזאגט נאכאמאל: "רבי, איך דארף פרנסה", האט דער רב ז"ל נאכאמאל איבערגעפרעגט, האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "איך דארף פרנסת הנפש", האט דער רב ז"ל געשמייכל און געזאגט: "אה!" דער רב ז"ל האט פארשטאנען אז דער טאטע ז"ל איז נישט געקומען אויף פרנסה; כ'זאג נישט אז דער טאטע ז"ל האט געהאט ברייט פרנסה אין שטוב, אבער דאס איז שוין מיטגעגאנגען...

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** ס'איז א שידוך דאורייתא מיט קרובים[ד].

---

**ד.** החתן נכד הגה"צ רבי משה סופר שליט"א רב דבית מדרשנו


Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק

בשם כל קהל אנ"ש יעלה ויבא קדם מעלת כבוד ידידנו הרבני החשוב המפואר, איש חי ורב פעלים, איש האשכולות, מוכתר במעלות ובמדות רמות, מסור ונתון להיטיב לזולת בטוב לב ובמסירות נאמנה, עושה חסד לאלפים בסבר פנים יפות, להושיט יד ועזרה בכל עת ועונה, רחום ומוקיר רבנן בכל לבו ונפשו, מסור בלב ונפש למען קהלתנו הק', ומשקיע מיטב כוחותיו וכשרונותיו למען פריחת ושגשוג קהלתנו הק' בעוז ותעצומות, ה"ה

הר"ר **שלמה משה בערקאוויטש** הי"ו

**גבאי נאמן בבית מדרשנו רבות בשנים**

לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב החתן החשוב **ברוך** ני"ו עם בת הר"ר **שמעון לעדערמאן** הי"ו

**יהי רצון מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, לאורך ימים ושנים טובות, אך טוב וחסד ישכון תמיד באהלו, וכל ברכות התורה יחילו על ראשו, וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם ונאמר אמן.**

המברכים מעומקא דלבא

**הנהלת הקהלה**

**מרן שליט"א**: יא יא, אודאי.

פאר איינער פון די חתונות ביים טאטן ז"ל אין שטוב, איז מען געזעסן פאר די חתונה און אויסגעפלאנט די סדר המאכלים מיט'ן קעיטערער, די גאנצע משפחה איז דארט געזעסן, איך בין דארט געווען מיט די מאמע ע"ה און מיינע שוועסטער'ס.

אינמיטן איז דער טאטע ז"ל אריינגעקומען אין שטוב און ער האט געגעבן א פרעג: "וואס רעדט מען דא?" האט מען אים געזאגט וואס מ'רעדט, האט דער טאטע ז"ל געגעבן א פרעג: "וואס גייט מען געבן צו עסן ביים חתונה?" האט מען געענטפערט וואס מ'גייט אלץ געבן, הערנדיג וואס מ'גייט אלץ געבן האט דער טאטע ז"ל געפרעגט מיט א תמיה: "ווער עסט אזוי סאך?"... האט מיין שוועסטער די כלה געזאגט: "טאטע, ס'זענען דא מענטשן וואס עסן נישט קיין נאכטמאל אינדערהיים און זיי קומען צו די חתונה עסן נאכטמאל", הערנדיג דאס האט זיך דער טאטע ז"ל צושמייכלט און ער איז שוין געווען צופרידן דערפון, ווי איינער זאגט "יא, מ'קען עסן נאכטמאל דא"...

ירושלים עיה"ק ת"ו.






דאס זענען געווען זיינע השגות, אז אידישע קינדער זאלן האבן וואס זיי דארפן. דער טאטע ז"ל האט זיך אלץ אנגעשטרענגט צו משמח זיין אידן, בפרט נאכ'ן קריג ווען דער עולם איז געווען צעבראכן, אז דער טאטע ז"ל איז געווען ביי א חתונה האט ער נישט איינגערוט ביז דער עולם האט זיך משמח געווען, און דאס איז געווען ווען ער האט אליינס נישט געהאט קיין משפחה; ער האט משמח געווען אידישע קינדער!

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** איך האב נישט די העזה מטריח צו זיין דעם פעטער צו קומען צום חתונה, נאר טאמער דער פעטער וועט ממילא זיין אין מאנסי; פאריגע חתונה איז טאקע דער פעטער ממילא געווען אין מאנסי יענע נאכט.

**מרן שליט"א:** ועתה יגדל נא כח ה' (במדבר יד, יז), מ'דארף האבן נאר חסדים פון אויבערשטן.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** מיין זיידע [כ"ק האדמו"ר הנועם אליעזר מסקולען] זצ"ל האט געטייטשט אז 'ועתה' איז דאך תשובה, 'יגדל' איז חסד, און כח ה' שטייט בא-ד-נ-י וואס דאס איז גבורה, ווייל תשובה מאכט חסד פון די גבורה.

**ואיחל מרן שליט"א:** מ'איז דאך געווען אינדרויסן ביים ציון, זאל דער אויבערשטער העלפן מ'זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס, זיי זאלן זיך באמיען פאר אונז.

**האדמו"ר מסקולען-מאנסי:** דער אויבערשטער זאל העלפן דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק.

**מרן שליט"א:** אמן, כל טוב בשורות טובות.

* * *

## קטעים משיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אצל **האסיפה בביתו נאוה קודש לקראת חגיגת יובל העשור להתייסדות מפעל והגית** דחסידי פאפא

**יום ג' לך לך תשפ"ה לפ"ק**

**נכחו שם רבני ועסקני והגית, והציגו את תכנית וסדר יום החגיגה; כ"ק מרן שליט"א ציין לכמה הדרכות והוראות שונות, וקבע את הזמנים והלימודים לה'יום שכולו תורה'.**

**בסיום האסיפה, קרא הרבני הנכבד הר"ר שלמה וועבער הי"ו פטרון מפעל והגית ואמר למרן שליט"א:**

ס'קומט זיך אן עקסטערע יישר כח פאר די חשוב'ע רבנים פון והגית, דעם רבינ'ס קינדער הרה"צ רבי מאיר שליט"א, און הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א, און די אנדערע רבני והגית, וואס שטייען שטענדיג גרייט פאר יעדע זאך וואס מ'דארף נאר האבן, און זיי נעמען עס ממש פערזענליך אויף זיך.


**ישיבה קטנה**
**קהלת יעקב פאפא**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי מרביץ תורה וחסידות להתלמידים היקרים, שיחו נאה ואמרותיו נעימים, ברוחו פי שנים, תורה ויראת שמים, עוסק בתורה שחר וערב, מלא מדע וחכמה, מסור ונאמן למען הבחורים החשובים בכל לבו ונפשו, רוח החיים בישיבתנו הק', ה"ה

הרה"ג **שמחה בונם קאהן** שליט"א
**מגיד שיעור נפלא ומשגיח בישיבתנו הק'**

לרגל השמחה השרויה במעונו בנישואי בנו החתן החשוב ישראל הי"ו ממצוייני תלמידי מתיבתא קרית פאפא עם בת הרב מרדכי לייב פישער שליט"א מחשובי אנ"ש בעיר מאנסי

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויזכה להמשיך להאיר עיני ישראל המחכים לו מתוך הרחבת הדעת, עושר ואושר ירוצו אחריו כל ימי חייו, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

**המברכים בלב מלא הכרה ותודה:** תלמידי ישיבה קטנה

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: אין אנדערע קהלות דארף מען אסאך פאנדרעיזן אויף דעם, איז דאך די אמת'ע הכרת הטוב פאר ר' שלמה וואס שפארט אונז דאס איין, ווען נישט וואלט מען געדארפט זיצן און פאנדרעיזן.

**הרה"צ רבי מאיר**: ס'איז א מורא'דיגע זאך וואס מ'זעט ווען מ'קומט דא אריין אין בית המדרש, מ'זעט בעלי בתים זענען זיך מפלפל צו פארשטיין א שטיקל גמרא אין מסכת נזיר.

כ'בין אמאל געפארן מיט'ן טאטן זאל זיין געזונט קיין מאנטרעאל, ווען דער פעטער כ"ק האדמו"ר רבי ישעי' יעקב מסקולען זצ"ל האט חתונה געמאכט א קינד, ווען מ'איז ארויפגעקומען אויפ'ן פליגער האט מען געזען ווי דער עולם קומט ארויף מיט די בלויע ארטסקרול גמרות אין די האנט, און דער טאטע האט דאס שטארק מפליא געווען, דער טאטע האט מיר דעמאלטס געזאגט אז אמאל איז נישט געווען דאס, אמאל איז מען געקומען מיט'ן צייטונג... און זינט ס'איז געווארן א רוח פון דף היומי האט עס אויפגעטון א געוואלד.

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל האט דאך געזאגט אז ער פירט איין דף היומי, ווייל ער







וויל אז ווען צוויי אידן וועלן זיך טרעפן אויפ'ן באן זאל מען קענען רעדן אין לערנען.

**הרה"צ רבי מאיר**: איך בין געווען אמאל מיט'ן טאטן זאל זיין געזונט אין שפיטאל, און מ'האט געזען ווי צוויי דאקטוירים זיצן און לערנען מיט אזא געשמאק דף היומי, האט מיר דער טאטע דעמאלטס געזאגט אזא לשון: "הבל יפצה פיהו פון די פארצייטישע משכילים וואס האבן געזאגט אז דאס איז א פאנאטישע זאך, די דאקטוירים קענען פי כמה פון זיי, און קוק וויאזוי זיי לערנען!" די דאקטוירים האבן געלערנט אויף ענגליש 'אמר אביי, אמר רבא' מיט אזא מין ברען.

**ר' שלמה וועבער**: פאריאר ביים גרויסן שבת אין שטאט פאפא ביים יארצייט פון כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע, איז דאך הרה"ג ר' מנשה ישראל רייזמאן שליט"א געקומען אויף שבת, און ער איז ממש ארויס פון די כלים פון 'והגית'; ס'איז געווען מוצאי שבת נאך הבדלה ווען ס'איז געווען א סדר הלימוד 'והגית' פאר א שעה צייט ביז מ'האט צוגעגרייט מלוה מלכה, און די בית המדרש 'עץ חיים' איז געווען איבערגעפולט מן הקצה אל הקצה מיט לומדים, און ר' מנשה רייזמאן איז פונקט געזעסן נעבן מיר און ער האט מיר געפרעגט: "וואס גייט דא פאר? פארוואס לערנט דער עולם אזוי פלייסיג יעצט?"... ס'איז געווען אינמיטן א נסיעה, דער עולם איז נישט געשלאפן, און מ'זיצט און מ'לערנט... שפעטער מוצאי שבת ביים דרשה האט ער גערעדט דערפון מיט התפעלות.

**מו"ץ הרה"ג ר' דוד לייב פישער שליט"א**: ביי די סטרא אחרא די דייטשע רשעים ימ"ש איז דער 'תלמוד-יודע' געווען דאס ערגסטע, די סטרא אחרא ווייסט אז דער איד וואס לערנט גמרא דאס איז דער איד.

קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק

Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

בשם כל קהל אנ"ש יעלה ויבא קדם מעלת כבוד ידידנו הרבני החשוב המפואר, מוכתר במעלות ובמדות רמות, עוסק בצרכי ציבור באמונה, מסור ונתון להיטיב לזולת בטוב לב ובמסירות נאמנה, מסור בלב ונפש למען קהלתנו הק', ומשקיע מיטב כוחותיו וכשרונותיו למען הכלל והפרט, ה"ה

הר"ר **אברהם וואסערמאן** הי"ו

**עסקן נאמן העומד תמיד מוכן ומזומן**
**לימין עסקני קהלתנו הק'**

לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב החתן החשוב **פנחס** ני"ו עם בת הר"ר **יושע שווארץ** הי"ו

**יהי רצון מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, לאורך ימים ושנים טובות, אך טוב וחסד ישכון תמיד באהלו, וכל ברכות התורה יחילו על ראשו, וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם ונאמר אמן.**

המברכים מעומקא דלבא

**הנהלת הקהלה**

**הרה"צ רבי מאיר**: פון כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע איז דאך דא א מימרא אז דער יצר הרע פארלייגט זיך בעיקר אויף גמרא תוספות.

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: הגה"צ טארנאפאלער רב רבי דוד מנחם מאניש באב"ד זצ"ל ברענגט עס אין די הקדמה צו זיין ספר שו"ת חבצלת השרון, ער איז דאך געווען א חסיד פון פריערדיגן רב ז"ל, שרייבט ער דארט אז דער פריערדיגער רב האט געזאגט אז דער יצר הרע לאזט אלעס, אבער לערנען לאזט ער נישט[ה].

ס'שטייט פאריגע וואכעדיגע סדרה אין פסוק (בראשית י, י) ותהי ראשית ממלכתו בבל, שטייט אין ספה"ק אור לשמים (פ' נצבים ד"ה אתם נצבים א') אז ראשית ממלכתו פון א איד איז דורך לערנען תלמוד בבלי.

*

**ר' שלמה וועבער**: די אלע עסקנים וואס שטייען דא, געבן זיך אוועק שעות ארוכות, עקסטער האט מען אין די לעצטערע וואכן פארברענגט שעות ארוכות צו זוכן א פאסיגע פלאץ פאר'ן חגיגה, און אזוי אויך די אנדערע עסקנים, יעדער ארבעט מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט.

**מרן שליט"א**: אז מ'געבט אוועק פון זיך פאר'ן ציבור קומט דאס צוריק, דער ענין פון המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו (אבות ה, יח) איז נישט פשוט! נישט נאר דאס אז 'אין חטא בא על ידו', נאר מ'באקומט נאך אלע השפעות טובות! און אפילו א חטא וועט נישט קומען על ידו. א מזכה את הרבים איז א גרויסע זאך, א כח הרבים איז א מורא'דיגע זאך!

דער ענין פון 'והגית' איז גאר א חשוב'ע זאך; אפילו ווען ס'וואלט ווען נישט געווען אזא גרויסער ציבור וואלט עס אויך געווען א גרויסע אויפטו, כל שכן אז ס'איז אויף אזא גרויסע פארנעם!

אין די בראשית יארן פלעגט כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל אריינקומען אין בית המדרש פארלערנען פאר די בעלי בתים, און ס'איז געווען זייער שווער צו קומען, מ'האט זיך געפלאגט אויף פרנסה, ס'איז נישט געווען קיין כולל יונגעלייט אויף אזא פארנעם ווי היינט, האט זיך געמאכט אז ס'איז געקומען אסאך מאל א קלענערע עולם צום שיעור, פלעגט דער טאטע ז"ל צו זאגן די לשון הגמרא (ברכות ו.): "מנין לשנים שיושבים ועוסקים בתורה וכו', ומנין שאפילו אחד"...

איך דערמאן מיר אז ווען מיין ברודער הגה"צ אב"ד תולדות יוסף שליט"א האט חתונה געהאט, איז געווען א שבע ברכות אין שיקאגא ביי זיין שווער הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל אב"ד וויצען וואס האט געוואוינט אין שיקאגא.

דער טאטע ז"ל איז דארט איינגעשטאנען ביי א בעל בת'ישער איד, מ'האט גענעכטיגט דארט, און צופרי האט מען געדארפט אהיימפארן. צוועלווע-איינסע ביינאכט ווען דער טאטע ז"ל איז אהיימגעקומען נאכ'ן שבע ברכות האט זיך דער טאטע ז"ל געזעצט שמועסן אביסל מיט'ן בעל אכסניא, מ'האט גערעדט אביסל איבער דער שטאט שיקאגא און אזוי ווייטער. אינמיטן די שמועס איז זיין אידענע אנגעקומען און זיך צוגעזעצט און אנגעהויבן אריינרעדן... האט מיר דער טאטע ז"ל געגעבן א כאפ אן ביי די האנט און געגאנגען צו די אנדערע עק פונעם שטוב וואו ס'איז געווען א ספרים-שאנק, און דער טאטע ז"ל האט זיך געזעצט לערנען מיט מיר שפעט ביינאכט, און פארטאגס האט מען שוין געדארפט כאפן די פליגער אהיים.

אינדערהיים אין פאפא האט מען דאך געלערנט און מסיים געווען גאנץ ש"ס, דאס איז געווען פון אן עצה פונעם ביקסאדער רבי'ן הרה"ק רבי אליעזר זי"ע פאר'ן טאטן ז"ל אז מ'זאל צוטיילן ש"ס צווישן די בחורים, יעדער האט גענומען אפאר בלאט, און מ'האט מסיים געווען ש"ס איין מאל א חודש, און דער טאטע ז"ל האט פארהערט די בחורים ש"ס.

**הרה"צ רבי מאיר**: איך האב מיר אמאל געטראפן מיט הגה"צ רבי אהרן מרדכי רוטנער זצ"ל, ער האט דאך געלערנט ביים זיידן [מרן הויחי יוסף] ז"ל אין פאפא, און ער האט מיר געזאגט אז דאס וואס מ'האט געזען ביים

---

**ה.** ראה מה שכתב הגה"צ מטארנאפאל זצ"ל בהדקמה לספרו: וכן שמעתי מפי נכדו מרן הקדוש מהרי"ד זצוק"ל זי"ע ועכ"י, שמכל עניני חסידות ופרישות וסיגופים שאדם רוצה להתנהג, היותר עיקר ומובחר הוא לשמח את הקב"ה בלימוד התוה"ק, והסימן לזה, שכל עניני סיגופים וחסידות שאדם רוצה להתנהג אין היצר הרע מוציא כל כך כחו על זה לבטלו, כמו שמוציא כל כחו לבטל את האדם מתלמוד תורה בתחבולות שונות, כן שמעתי מפי קדשו שאמר לי בעצמו הדברים האלה.

זיידן ז"ל פאר'ן קריג האט מען נישט געזען נאכ'ן קריג, האב איך אים געפרעגט וואס ער מיינט צו זאגן, אבער ער האט נישט געהאט קיין כח דעמאלטס מיר צו זאגן.

אבער א צווייטע מאל האב איך אים איבערגעפרעגט דערויף, האט ער מיר דערציילט איבער די חבורה צו מסיים זיין ש"ס יעדע חודש, און ער האט דערציילט אז דער זיידע ז"ל האט מיטגעלעבט מיט די בחורים דעם שיעור וואס איז בעצם געווען חוץ דער סדר הלימוד פון ישיבה. דער זיידע ז"ל האט געקענט אריינקומען צו א חברותא זיך אראפזעצן און קוקן וואו זיי לערנען, אז זיי האבן געלערנט מסכת זבחים האט דער זיידע ז"ל גערעדט און לערנען מיט זיי איבער די סוגיא, נאכדעם איז דער זיידע ז"ל געגאנגען צום אנדערע חברותא וואס זיי האבן געלערנט תמורה, און דורכגעטון מיט זיי די סוגיא אין תמורה, און אזוי ווייטער. דער זיידע ז"ל האט געהאט א ספעציעלע מורא'דיגע חיות אין דעם סדר, אבער נאכ'ן קריג האט ער עס נישט ממשיך געווען.

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: וואס איז געווען די מטרה פון דעם סדר צו מסיים זיין ש"ס?

**מרן שליט"א**: זעט זיך אויס אז ער האט געהאט עפעס אן ענין דערביי. דער ביקסאדער רבי האט צוגערעדט דעם טאטן ז"ל דערצו; ביקסאדער רבי האט געוואוינט אין שטאט סאטמאר, און איידער דער טאטע ז"ל איז אריבערגעגאנגען פון סאטמאר קיין פאפא איבערצונעמען די פלאץ אין פאפא, האט אים ביקסאדער רבי צוגערעדט צו מאכן דעם סדר.

**הרה"צ רבי פינחס חיים**: דער שטאט פאפא איז אלץ געווען א מקום חסד פאר'ן קריג. אין פאפא איז דאך געווען א איד הרה"ח ר' שמואל באדאנסקיא ז"ל [**מרן**

בהכרת תודה אנו שולחים בזה ברכותינו עמוקות, מול האי איש אשר רוח בו, נודע ומפורסם בשערים, איש המעש והחסד, ידו נטויה לכל דבר טוב, איש נאמן למלאכתו, מוכתר בכתר שם טוב, נקי כפים ובר לבב, נדיב לב, נערץ ומשובח בפי כל, אהוב ונחמד לכל יודעיו, רוח החיים בין כל מכיריו, מקבל כל אדם בלב שלם וברוח צהלה, מכניס הרחבת הדעת בלב אנ"ש הבאים להסתופף בצל הקודש לחצרות בית ה' משך השנה, ה"ה

הרבני הנכבד מוה"ר

**שאול יחזקאל קליינבערגער** הי"ו

**בעל המלון 'פוינט-פלאזא'**

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו
בנישואי בנו החתן המופלג **יעקב** הי"ו

**ובהאי זימנא נביע בשער בת רבים רוב מסירותו למען אנשי שלומינו; הוא הגבר אשר משליך נפשו מנגד בעת מתן המלון 'פוינט-פלאזא' למקום בית ועד אנ"ש לאורחים הבאים להסתופף בצל הקודש משך השנה!**

**מי ימלל תוקף גדולת פעולותיו! וכל אנ"ש מכירים לו מעומקא דלבא!**

יתן השי"ת שאך טוב וחסד ישכון באהלו, עושר ואושר יריצו אחריו, ויתברך בכל מילי דמיטב, ויזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ומן שמיא ישפע שפע רב עליו ועל כל ביתו, חיי אריכי, בני בריכי, מזונא רויחי, ורחמיה מן קדמיה, אמן כן יהי רצון אמן ואמן.

**המברך בשם ועד הכנסת אורחים**

**יוסף שפיטצער**

הכנסת אורחים
דחסידי פאפא


כאפט איין בעוד מועד צו
קויפן חגיגה טיקעטס
$36 מינימאלע סיום רעזערוואציע
$25 הנחה למשתתפי סדר הלימוד
TICKET HOLDER INFO SOT-F56Y8
TICKET CODE SOT-F56Y8
The Mega Events Complex
ONE ENTRY ONLY - NON TRANSFERABLE
TICKET TYPE Siyum Only Ticket 5:00 PM
EVENT והגית סיום Sun Nov 24 ,2024
TICKET HOLDER INFO FDT-KL97Y
TICKET CODE FDT-KL97Y
The Mega Events Complex
274 Monitor Street
ONE ENTRY ONLY - NON TRANSFERABLE
TICKET TYPE Full Day Ticket 10:00 AM
EVENT והגית סיום - יום שכולו תורה Sun Nov 24 ,2024
אריינגאנג צום קאמפלעקס
במשך אלע שעות היום והערב, וועט זיין אויסדריקליך מיט א
פאראויס-געקויפטע איינטריט-טיקעט
עסקני והגית וועלן אי"ה פארקויפן טיקעטס בבתי מדרשינו דעם זונטאג און דינסטאג אווענט
מודעה לזקנים ונכבדים
ספעציעלע עסקנים זענען דעזיגנירט געווארן אין אלע געגענטער צו מסדר זיין די פני העדה מיט טיקעס, טראנספארטאציע, ועוד.
שפירט פריי זיך צו ווענדן צו זיי!
יום התורה - זונטאג תולדות
במקהלות אלפי אנ"ש דק"ק פאפא. מרנן ורבנן עיני העדה
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א
פתיחת שערים: 10:00 בבוקר | סדר שני: בשעה 2:30 אחצ"ה | חגיגת הסיום: בשעה 5:00 בערב
The Mega Events Complex
274 Monitor St, Brooklyn, NY 11222

**שליט"א**: יא יא, ס'איז געווען צוויי שמואל באדאנסקיא'ס, איינעם האט מען גערופן 'דער הויעכער שמואל'], און ער האט געטיילט שבת-פעקלעך פאר די נצרכים, ס'איז געווען א גרויסע מצב פון חסד, נישט אומזינסט זענען די גרויסע רבי'ס געקומען קיין פאפא, הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע און נאך, זעט זיך אויס אז מ'האט געקענט עפעס מאכן דארט.

**מרן שליט"א**: יא, פאפא איז געווען א שטאט מיטווארעמע אידן.

דער מחותן כ"ק האדמו"ר מספינקא שליט"א האט מיר דערציילט אז זיין טאטע כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יוסף מספינקא זצ"ל איז ניצול געווארן ביים קריג דורכדעם וואס ער איז געקומען קיין פאפא, וואס אין פאפא איז געווען צובאקומען שריפטן פון א דאקטער זיך צו פטר'ן פון מיליטער, מ'האט געגעבן אין אסאך פלעצער, אבער מ'האט שפעטער אויפגעהערט, חוץ אין פאפא האט מען נאך געגעבן, און מ'האט איבעראל געוואוסט צו זאגן אז אין פאפא געבט מען נאך.

ווען ער איז אנגעקומען קיין פאפא איז שוין געווען צו שווער צו באקומען די שריפטן, ווייל מ'האט שוין ארויסגעגעבן צופיל שריפטן, און מ'האט שוין נישט געקענט מער געבן, האט ר' שמואל באדאנסקיא געזאגט מיט זיין אויבערלענדישע הברה: "אוי געוואלד, זי זענען יעצט געקומען, וואס וועט מען יעצט טון?! אבער דער ספינקא'נע רבינ'ס אייניקל איז געקומען, עפעס וועט שוין דא זיין".

פאפא איז געווען א ווארעמע פלאץ מיט ווארעמע אידן.

*

**בסיום האסיפה אמר כ"ק מרן שליט"א:**

בקיצור, ס'זעט אויס אז ווען מ'רעדט צו אידן הערן זיי אויס; דאס איז א גרויסע זאך! אז מ'קען אזא זאך פועל'ן ביי אידן געבט דאס א חיזוק אויף ווייטער, ווייל דער יצר הרע קומט אלץ שוואך מאכן: "עה, ס'וועט נישט גיין, לאז אפ", אבער לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו (קהלת י, ב), דער כסיל קוקט וויפיל ער האט נאך צו טון, דערפאר האט ער נישט קיין חשק, אבער דער חכם קוקט וויפיל מ'האט שוין אויפגעטון, מ'האט שוין געלערנט יעצט לאמיר נאר לערנען נאך אביסל, און אזוי קען מען באווייזן גרויסע זאכן.

דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין מיט גרויס הצלחה וסייעתא דשמיא, און יעדער זאל האבן אלע השפעות טובות.

גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא
שע"י אירגון אחיעזר ואחיסמך דחסידי פאפא

בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידינו הנאמנים, מסורים במסירות נפלאה לדבר מצוה, עושים ומעשים בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

השדכנים נאמנים בקרב אנ"ש

## הרב ישראל יצחק קאהן הי"ו

לרגל אירוסי בתו עם החתן משה נ"י בן הרב יוסף
גרינוואלד שליט"א מנהל דת"ת מאנסי

## הרב יוסף גאמבא הי"ו

לרגל אירוסי בתו עם החתן שרגא פייבל נ"י בן הרב בערל לעווי הי"ו

## הר"ר דוד האפפמאן הי"ו

להולדת בתו

## הר"ר ברך מענצער הי"ו

להולדת בתו

## הרב צבי עוזר ניישלאס הי"ו

להולדת בתו

**ובהאי שעתא נביע רגשותינו מול הני אנשי שם שנוטלים על שכמם עבודת הקודש הנשגבה להקים בתים נאמנים בקרב אנ"ש; אשרי להם! ואשרי חלקם!**

יתן השי"ת שבזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שיזכו לכל מיני השפעות טובות, מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויכולו להמשיך עם עבודתם בקודש ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא, ונזכה על ידי זה להתקרבות הגאולה, בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

**המכירים פעולותיהם הנשגבים:** ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא

# ברכת הקודש

**אחר מעמד החופה בשמחת נישואי נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א החתן הרב מאיר דוב בער שליט"א בן לחדב"ן הרה"צ רבי אהרן כ"ץ שליט"א אב"ד תולדות אהרן**

יום ג' וירא תשפ"ה לפ"ק

## השפעות לפי האמונה

ס'איז א הויעכע זמן, אונז גלייבן דאך וואס ס'שטייט אין די הייליגע ספרים אז די נשמות קומען אראפ פון יענעם עולם מיטצוהאלטן די שמחה, איז דאס דאך נישט קיין פשוט'ער זאך, און לויט וויפיל מ'גלייבט אין דעם קען מען שעפן און שעפן השפעות טובות און ישועות.

בעטן מיר אז זיי זאלן זיך באמיען פאר אונז, וואס זיי זענען דאך אונז מיט זייערע אויגן, ממילא זאלן זיי משפיע זיין פאר אונז אז אונז זאלן קענען זוכה זיין ווייטער ממשיך צו זיין דורות ישרים ומבורכים, און אז מ'זאל זיין אפגעהיטן פון וואס מ'דארף זיין אפגעהיטן, ס'זאל זיין שמחות ביי יעדעם אין שטוב, מ'זאל זוכה זיין צו כל מיני השפעות, און צו כל מיני ישועות, עד ביאת משיח צדקנו בב"א.

* * *

# דברות קודש

**לפני הריקודין קדישין בעת מעמד המצוה טאנץ**

יום ג' וירא תשפ"ה לפ"ק

## עבודת ריקודים של שמחה

צדיקים האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין ריקודים של שמחה ביי שמחת חתן וכלה. דאס ענין דערפון קען זיין, אז מ'זאגט דאך ביי א שמחה 'שהשמחה במעונו', אויף די גרויסע שמחה ונחת רוח פאר'ן אויבערשטן אז מ'שטעלט אויף נאך א שטוב פון השראת השכינה, מ'גייט שטעלן נאך א לעכטיגע שטוב וואס טוט אויפלייכטן די חשכות הגלות, מ'גייט אויפלייכטן דורך די לעכטיגקייט פון א אידישע שטוב וואס ס'איז דא דארט השראת השכינה, אזוי ווי ס'שטייט (סוטה יז.) איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהן.

אויב ס'איז יא אזוי ווערן דאך אידישע קינדער געהויבן, אויב ס'איז 'שהשמחה במעונו' אז ס'איז דא השראת השכינה, האט עס דאך א שייכות מיט די שמחה וואס איז דא אויף די וועלט, און אויב ס'איז דא השראת השכינה ווערן אידישע קינדער גרייניגט און געהויבן. נו, אויב ס'איז א זמן וואס מ'קען אויפהייבן אידן, האבן צדיקים דאס אויסגענוצט און זיי האבן אריינגעלייגט גרויסע עבודות אין דעם; דאס קען זיין דער ענין פון די גרויסע עבודה וואס צדיקים האבן אריינגעלייגט אין ריקודים של שמחה כידוע.

אודאי און אודאי זענען דא יעצט גרויסע נשמות, וואס אונז גלייבן וואס ס'שטייט אין די הייליגע ספרים אז די אבות קומען אראפ, איז עס אודאי נאך א גרעסערע זמן.

## תקיעת שופר של מרן מהרי"ד מבעלזא

ס'איז כדאי דא צו דערמאנען אן ענין. ס'איז געווען ווען **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** איז געווען אין ראצפערט, איז געווען דארט איינער פון די גרויסע חסידים **הגה"צ רבי אברהם'לע לאנדמאן זצ"ל דער סטרעליסקער רב**, ער איז נישט געזונט געווארן, און ער איז געווען איינגעשפארט אין שטוב, ער האט געדארפט ליגן אין בעט.

יענעם יאר ראש השנה נאך שחרית האט דער בעלזער רב זי"ע געזאגט פאר איינער פון די גרויסע חסידים **הרה"ח ר' דוד געציל'ס ז"ל**: "דוד, גיי צום סטרעליסקער רב, נעם די שופר, און גיי בלאז פאר אים שופר", האט ער אזוי געטון. ר' דוד איז געגאנגען צום סטרעליסקער רב און אים משמש געווען און נאכדעם האט דער סטרעליסקער רב געגעבן א זאג פאר ר' דוד: "געב מיר וואסער, כ'וויל מיר וואשן די הענט ווייל דער רב קומט שוין אריין צו תקיעת שופר".

נאכ'ן וואשן די הענט האט דער סטרעליסקער רב אנגעהויבן זאגן 'למנצח' זיבן מאל, די פסוקים 'מן המצר', און ער בלייבט שטיל ווי ער הערט דעם רב מאכן די ברכות אויף די תקיעות, ער זאגט 'אמן' אויף די ברכות, און ער ווארט שטיל ווי ער הערט די תקיעות, און ער זאגט די אנדערע פסוקים, דערנאך שטעלט ער זיך דאווענען שמונה עשרה, ער דאווענט מלכיות און ווארט פאר די תקיעות כאילו ער הערט דעם רב בלאזן, און אזוי איז ביי זכרונות און שופרות און אזוי ווייטער.

ווען דער סטרעליסקער רב האט געענדיגט, האט ר' דוד געזאגט פאר'ן סטרעליסקער רב: "דער רב האט מיר געשיקט אז כ'זאל מוצאי זיין מיט תקיעת שופר", האט דער סטרעליסקער רב געזאגט: "איר דארפט מיר נישט מוציא זיין מיט שופר בלאזן, איך האב שוין געהערט שופר בלאזן פון רב"

ווען ר' דוד איז צוריקגעגאנגען צום בית המדרש האט שוין דער פריערדיגער רב געהאלטן נאכ'ן דאווענען, מ'איז שוין געווען אינדערהיים, און דער פריערדיגער רב האט געפרעגט פון ר' דוד: "נו, וואס מאכט דער סטרעליסקער רב?" האט ר' דוד געזאגט: "איך מיין אז ער איז נישט ביי זיך, איך מיין אז ער רעדט פון היך", האט דער פריערדיגער רב געזאגט: "וואס?! הערט מען דען נישט אונזערע תקיעות? ווער ס'איז זוכה קען הערן אונזערע תקיעות מסוף העולם ועד סופו".

## יתקע שופר בעיר

לגבי וואס זאגן מיר דאס? 'שופר' מיינט מען אז מ'איז מעורר אידישע קינדער אזוויי ס'שטייט אין פסוק (עמוס ג, ה) אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו, יעצט איז דאך א זמן וואס מ'איז ממשיך די שופר של משיח, ס'איז א זמן פון 'עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים', מ'פראבירט צו ממשיך זיין דעם כח, אבער ס'ווענדט זיך 'ווער' ס'בלאזט, און ס'וועגדט זיך אויך ווער עס 'הערט' דעם קול.

ס'קען אפשר זיין אז יעצט אין אזא זמן ווען מ'איז זוכה אז די נשמות לאזן זיך אראפ, ווערט יעדע איד אביסל געהויבן, קען מען מיט די דערהויבנקייט דערהערן די ריכטיגע קול, וואס ווען די נשמות לאזן זיך אראפ ווילן זיי ווייטער טון אויף דעם עולם וואס זיי האבן געטון בחיים חיותם בעולם הזה, בפרט אז זיי זענען יעצט דא, זענען ווייטער מעורר אידישע קינדער זיך אויפצוהייבן, און זיך צו מקרב זיין צום אויבערשטן, וואס דורכדעם ווערט מען ממילא גרייניגט, ווייל אויב מ'הייבט זיך אויף פון די הבלי עולם הזה, קומט ממילא אריין א הרהור תשובה, אז מ'זאל זיך אפלאזן פון אלע שטותים און נארישקייטן און פון אלע תאות עולם הזה.

דאס קען זיין דער ענין וואס צדיקים האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין ריקודים של שמחה, און אזוויי **הרה"ק רבי אהרן טשערנאבלער זי"ע** האט געזאגט אויפ'ן גמרא (כתובות טז:) כיצד מרקדין לפני הכלה, אז 'מרקדין' מיינט מען 'זופן', אז דורך די ריקודים זופט מען אויס די נשמות אז ס'זאל ריין.

## ברכות לרוב

האפן מיר צום אויבערשטנ'ס הילף אז מיר זאלן טאקע אלע זוכה זיין צו דורות ישרים ומבורכים, מיר זאלן אלע קענען פירן געהויבענע אידישע שטובער מיט שמחות, ס'זאל חס ושלום נישט זיין קיין שום שטער פון די שמחה, מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה, און ווייטער ממשיך זיין לעכטיגע אידישע דורות, מ'זאל זוכה זיין זיך צו קענען כסדר פרייען זקנים עם נערים.

מ'זאל אודאי און אודאי קענען ממשיך זיין די לעכטיגקייט, אזוויי די הייליגע חכמים האבן דאך געזאגט אז מיט דעם וואס מ'לייגט דעם אפר על ראש החתן האט מען יוצא געווען דעם 'אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי', ממילא קען מען נאכדעם זוכה זיין צו דעם הארה פון עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים.

זאל דער אויבערשטער העלפן אונז זאלן זוכה זיין צו כל מיני השפעות, און צו די הארות און זכותים און התעוררות פון אונזערע עלטערן וואס האבן אזויפיל אריינגעלייגט אז ס'זאל ווייטער נמשך ווערן די אלע ענינים, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ישועות כל ישראל און צו ביאת משיח צדקנו ולגאולה שלימה בב"א.

* * *

# דברות קודש

## אחר שמחת החתונה

יום ג' וירא תשפ"ה לפ"ק

## בכל יום כחדשים

דער ענין פון ימי שבע ברכות איז, אז א איד אנטלויפט נישט פון קיין מצוה, נישט אזוויי אנדערע וואס זאגן נאך א מצוה אז מ'האט שוין אפגעדאווענט און מ'איז שוין פערטיג; ניין! מ'ווערט קיינמאל נישט פערטיג, פון א מצוה ווערט מען קיינמאל נישט פערטיג, נאר הערשט יעצט הייבט מען אן, מ'האט שבע ברכות און יעדן טאג איז הכנה אויף ווייטער, און נאך די שבע ברכות גייט עס ווייטער, ס'איז נאכאמאל א התחלה אויף ווייטער, ווייל א איד ווערט קיינמאל נישט פערטיג.

**והפטיר כ"ק מרן שליט"א:**

דער מנהג איז אז מ'זאגט 'גוט שבת'.

**ואיחל 'גוט שבת' לכל הציבור.**

**והחוט המשולש לא במהרה ינתק**

נשגר בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, מול ידידינו הנכבדים, שמם הטוב הולך לפניהם, אוהבי תורה בכל לבם ונפשם, מוקירי רבנן ותלמידיהון, פועלים ומפעילים לכל דבר טוב עם לב ונפש חפיצה, ה"ה

# משפחת וואסערמאן הנכבדה שיחי'

פטרון ישיבת בין הזמנים

**לרגל השמחה המשולשת במשפחתם**

השמחה בבית הר"ר **אברהם וואסערמאן** הי"ו

באירוסי בנו הבה"ח פנחס הי"ו עם בת הר"ר יושע שווארץ הי"ו

השמחה בבית הר"ר **יוסף וואסערמאן** הי"ו

בהולדת בתו למזל טוב

השמחה בבית הר"ר **שלמה מרדכי וואסערמאן** הי"ו

בהכנסת בנו לבריתו של אברהם אבינו ע"ה

**מה יפה הזמן לשמוח בשמחתם עכשיו כשאנו עומדים אחר חודש השבע במצוות ימי בין הזמנים תשרי העעל"ט, אשר היכל ביהמ"ד הגדול היה מלאה מפה אל פה במשך כל שעות היום עם בחורי אנ"ש שעסקו על התורה ועל העבודה, וזכו משפחת וואסערמאן שיחי' שיתקדש שם שמים על ידיהם, ושיתרומם קרן התורה וחסידות בכל הכח**

בודאי יהיה בזה זכות ונייחא לע"נ אביהם הבלתי נשכח מאתנו, חייל פאפא הנאמן, הרה"ח ר' שמואל ב"ר שלמה מרדכי וואסערמאן ז"ל פטרון ישיבת בין הזמנים, והוא שומח עמהם בעולם העליון בזמן השמחה המשולשת במשפחתם

נשא לבבינו אל כפים, שיזכו לכל הברכות האמורות בתורה, ויזכו להמשיך בעבודתם בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, ויזכו לרוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויתקיים בהם מקרא שכתוב וראה בנים לבניך שלום על ישראל, עדי נזכה לעלות לציון ברנה, עם מלכנו בראשנו אמן.

**המברכים בלב מלא הכרה:** הנהלת ישיבת בין הזמנים

הוד והדר פעלם ועסקנותם

רוממתנו

# ערהויבענע דורות

מגבית רוממתנו תשפ"ה

למען צאצאינו וצאצאי צאצאינו

# קהלה קדישא הדין!

## ברם יזכרו לטוב כלל אנ"ש חסידי פאפא ועסקני רוממתנו הנלהבים שהודות לפעולתם הנשגבות ותרומתם הנכבדות הגענו לסכום האדיר של

# $105,924.00

**ואלו יעמדו על הברכה עסקני רוממתנו שעלה בידם לקבץ סכומים נכבדים להצלחת המגבית**

**הרה"ח ר' שלמה זלמן אבערלאנדער הי"ו**
**הרה"ח ר' לוי הערש גאמבא הי"ו**
**הרב משה ברילל**
הרב אברהם אפרים קאהן
הרב אברהם דוד פישער
הרב אברהם קויפמאן
הרב אייזיק בוים
הרב ארי בר"נ גרינוואלד
הרב ארי ברמ"א גרינוואלד
הרב ארי ברש"ז אבערלאנדער
הרב אשר מרדכי גרינוואלד
הרב בנימין אליעזר בר"י מאנדל
הרב בנימין אליעזר בר"מ מאנדל
הרב בנימין צבי קאהן
הרב בנימין קאלמאן
הרב בנצין מאנדל
הרב דוד דוב אבערלאנדער
הרב יוסף גאמבא

הרב זלמן ניישלאס
הרב חיים בנימין געלבער
הרב חיים הערש גרינוואלד
הרב יהושע אויש
הרב יהושע דוד כ"ץ
הרב יוסף גאלדבערגער
הרב יחזקאל בוים
הרב יחיאל דייטש
הרב יעקב אויש
הרב יעקב מאיר בר"מ מאנדל
הרב יעקב מאיר מאנדל
הרב יצחק יואל דייטש
הרב ישעי שלום ניישלאס
הרב ישראל יוסף וועבער
הרב לוי יצחק מענצער
הרב מאיר דוב כ"ץ
הרב מאיר נפתלי נייווירטה
הרב מאיר שלום גרינוואלד

הרב מנשה פריעדמאן
הרב משה ברש"מ ניישלאס
הרב משה דוד פייפער
הרב משה ישעי קאהן
הרב משה מרדכי גאלדבערגער
הרב משה שלום לאווי
הרב משולם לעווי
הרב נפתלי הירצקא ווידער
הרב צבי עוזר ניישלאס
הרב צבי קאהן
הרב קלמן מעסינגער
הרב שלום אלי לאווינשטיין
הרב שלום עהרענפעלד
הרב שלמה גאנצפריעד
הרב שלמה לעבאוויטש
הרב שמואל דוד וועבער
הרב שמואל מרדכי גאנצפריעד
הרב שרגא ניישלאס

**הרה"ח יואל פריעדמאן הי"ו**
מנכ"ל מוסדותינו הקדושים

**הרה"ח יוסף גאמבא הי"ו**
מנכ"ל מוסדותינו הקדושים מאנסי

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

התלמיד קרוי בן

סיפר הרה"ח ר' **ישעי' שבתי זאפיר** ז"ל:

**שמעתי** ממורי **הגה"צ רבי ברוך צבי הכהן מאשקאוויטש זצ"ל אב"ד פאקש**, שרבו **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע** התמרמר פעם אודות התנהגות אחד מתלמידיו, באמרו: "מיינע תלמידים זענען נישט אזוויוי איך בין געווען א תלמיד פון מיין רבי'ן".

**עוד** שמעתי מפיו מה שאמר פעם **מרן הקרן לדוד** אודות ענין זה, ששאל בתמיה: "ס'שטייט (אבות ב, ח) חמשה תלמידים היו לו לרבן יוחנן בן זכאי, און איך אליעזר דוד גרינוואלד זאל האבן פינף הונדערט תלמידים? וויאזוי קען דאס זיין?"... והפטיר על זה מרן הקרן לדוד: "נאר וואס דען? נישט יעדער תלמיד הייסט א תלמיד".

תנועה בשעת הבדלה

סיפר הרה"ח ר' **שמואל זאנוויל מרדכי שווארץ** ז"ל:

**אצל** מו"ר **הגה"צ רבי ברוך צבי הכהן מאשקאוויטש זצ"ל אב"ד פאקש** היה נהוג שבמוצאי שב"ק בזמן שהריח הבשמים בהבדלה, היה מפזם לעצמו תנועה, והציבור היה שר עמו ביחד, והיה אומר שכך היה נהוג אצל רבו המובהק **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע**.

*

רדיפות אומות העולם

סיפר הרה"ח ר' **יחזקאל קאטצבורג** ז"ל:

**לקראת** שב"ק פרשת תולדות שנת תש"א לפ"ק נסע **כ"ק מרן זצוק"ל** מעיר מגוריו סאטמאר לעיר פאפא להסתופף בצל הקודש של אביו **כ"ק מרן הויגד**


וועכענטליכער

# משיב כהלכה

שמועס

גאר וויכטיגע הלכות וואס זענען נוגע אויף למעשה באופן "שאלות ותשבות"

איבערגעגעבן בטוב טעם ודעת **'מיוחד למערכת קהלת יעקב'** דורך

**הרה"ג ר' יוסף אבערלאנדער שליט"א**

מו"ץ במשיב הלכה שע"י בית הוראה דקהלתנו

**יעדן דינסטאג! 1←1**

מערכת קהלת יעקב

718.
480.
7872

שמעו ותחי נפשכם!

**יעקב זי"ע**, אולם לא איסתייעא מילתא שיגיע לעיר פאפא, כי בדרך עיכבו את מרן ז"ל מטעם השלטונות מחמת המסמכים החוקיים, ואסרו את מרן ז"ל בבית המאסר.

**באותה** שבת בעת שלחן הטהור רעווא דרעווין האריך מרן הויגד יעקב דברי אלקים חיים על הפסוק (כו, טז) **ויאמר אבימלך אל יצחק לך מעמנו**, וביאר מרן הויגד יעקב שדרך אומות העולם שמקודם רודפים את ישראל בשנאה אולי על ידי זה יוכלו להם, ואם רואים שבני ישראל נשארים באמונתם הם רוצים להתחבר עמהם בחושבם שעל ידי כך יוכלו לפתותם, וזהו מה שאמר אבימלך אל יצחק לך מעמנו, שמתחלה רצה לרדוף את יצחק, אבל אחר כך רצה אבימלך לכרות **ברית עם יצחק** (התורה נדפס במילואה בספה"ק ויגד יעקב פ' תולדות ד"ה ויאמר אבימלך)**.**

**חסידים** דיברו שמרן הויגד יעקב רצה להמשיך בזה ישועה לבנו מרן ז"ל שינצל מאת השונאי ישראל שהעיקו ורדפו אותו א, ואכן תיכף אחר שבת נשתחרר מרן ז"ל, והמשיך בדרכו לעיר פאפא.

---

**א.** כדרכו בקודש של מרן הויגד יעקב זי"ע, כמו שכתב כ"ק מרן ז"ל (הקדמה לספה"ק ויגד יעקב ויקרא)**:** ודרכן של רבותינו תלמידיהון של תלמידי הבעש"ט זי"ע הי' בחידושי תורתם שאמרו ברבים, לעורר רחמים על ישראל בדיבורם, כמו ששמעתי בשם כ"ק אדמו"ר מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע שאמר שתורותיו הם תפילות, כן השיב על השאלה למה אינו מונע מלומר תורה בשב"ק בשולחנו הטהור אף כשחל אז ליל חגם שקורין ניט"ל שמנהג ישראל למנוע אז מללמוד כידוע, ולדעתי הכוונה כאמור שבאמירת תורתו הי' נכלל תפילה לעורר חסדים ורחמים.

**וכן** היה גם מנהגו של אאמו"ר זצ"ל באמירת תורה שאמר בסעודה ג' דש"ק לומר דיבורים המעוררים רחמים. ודכירנא שבשנים שהי' גזירה באונגארן שכל אחד הוכרח לילך לעבוד עבודת אנגריא במחנה עבודה והי' שרויים בצרה גדולה, בא' המכתבים שכתב אלי אאמו"ר זצ"ל בעת ההוא כתב שקבע ללמוד על שבת הגדול סוגיא דחציו עבד וחציו בן חורין, כי הוא בעוה"ר מענינא שכולם הולכין לעבוד עבודת עבד, ולדעתי כוונתו הי' לעורר פדות בלימוד זה על דרך שאמרו שם במשנה (גיטין מא:) כופין את רבו ועושה אותו בן חורין.

**זכורני** שבאותו ביקור בעיר, נכנס פעם **מרן ז"ל** לבית המדרש להשתתף בה'שיעור' של מרן הויגד יעקב להבחורים, ואף התפלפלו זה עם זה בלימוד בעת השיעור.

*

**הכנה לשיעור**

## סיפר הרב **אלעזר אלימלך הכהן גלאנץ** שליט"א:

**בעת** שלמדתי בישיבתנו הק' היתה לי זכיה נדירה, שזכיתי להרגיש נועם מתיקת השיעורים של **כ"ק מרן זצוק"ל** יותר משאר תלמידי הישיבה, כי מרן ז"ל היה מכין עצמו להשיעור בכל יום במסכת מקואות ביחד עם **בנו הגדול כ"ק מרן שליט"א**, וגם אני הקטן זכיתי לישב עמהם בעת ההיא. כהיום איני זוכר פרטי הלימודים מה שלמד מרן ז"ל עמנו אז, אולם המתיקות "ליגט מיר נאך אין די ביינער!"

*

**הבורח מן הכבוד**

## סיפר מוה"ר **יושע דוב קאהן** הי"ו:

**בעת** שהגיע **כ"ק מרן זצוק"ל** לארצנו הק' במסגרת מסע הקודש חודש אדר א' שנת תשל"ג לפ"ק, היו כל כותלי ירושלים עיה"ק ת"ו מלאים טבלאות ומודעות גדולות לקבל פניו של מרן ז"ל. כשהגיע מרן ז"ל לבית האכסניה בבית גיסו **הגה"צ רבי אפרים פישל סופר זצ"ל רב דבית מדרשנו י"ם**, הבחין מרן ז"ל שבפתח ביתו נדבק כמה מודעות לכבודו וחרוט עליהם תוארים מופלגים כדרכם של אלו המודעות.

**מרן** ז"ל קרא א' מהמודעות, ושאל: "פאר וועמען האט דאס אויסגעפעלט?" והוסיף לשאול: "עטץ האטס נישט מורא געהאט אז כ'קען קומען דורכדעם צו גאוה?" השיב ר' פישל סופר למרן ז"ל שכך הוא דרכם של בני ירושלים לפרסם בואו של אדם חשוב ולכתוב עליו תוארים גדולים, נענה מרן ז"ל בלשון קדשו: "די אמת איז אז צו כבוד דארף מען האבן כח, איך האב שוין נישט קיין כח צו דעם".

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

**כל הזכיות שמורות ל'מערכת קהלת יעקב' דחסידי פאפא**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

**אריינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**

**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג